— הערט־זשע צו, מיינע ליבע ייִדן. אָט דאָס, וואָס איך וויל אייך דערציילן, איז, זאָלט איר וויסן, נישט קיין פּזמון, וואָס מע לייענט אין א ביכל פון די ביכלעך, און נישט קיין בבא־מעשה פון טויזנט און איין נאכט. דאָס איז א געשיכטע, פארשטייט איר מיך, וואָס האָט זיך פארלאָפן, וואָס ארט אייך, טאקע בא אונדז אין קאמינקע. מיין טאטע, עליו השלום, האָט דאָס מיר אליין דערציילט, אז ער האָט דאָס געהאָרכט פון זיין טאטן דערציילן וויפל מאָל. ס'איז א סברה, אז די גאנצע מעשה איז געווען פארשריבן בא אונדז ערגעץ אין אן אלטן פנקס, וואָס איז שוין לאנג פארברענט געוואָרן. איר מעגט אייך לאכן, נאָר איך זאָג אייך, אז ס'איז אן עבירה, וואָס דער פנקס איז פארברענט געוואָרן. דאָרטן איז געווען, זאָגט מען, באשריבן זייער שיינע מעשיות, א סך שענערע פון די וואָס דרוקן זיך אין די היינטיקע מעשה־ביכלעך און גאזעטן.

בקיצור המעשה — דאָס איז געווען בימי ניקאָלאַי הראשון, אין די צייטן פון גנאָט. וואָס שמייכלט איר? איר ווייסט דען, וואָס גנאָט הייסט? גנאָט הייסט — מע פלעגט גנאָטעווען, טרייבן „קאָליסטראָי" וואָס איז אזעלכעס „קאָליסטראָי"? ווייסט איר ווידער נישט? דארף מע אייך, הייסט עס, קלאָר מאכן. שטעלט אייך פאָר — פון ביידע זייטן שטייען אויסגעשטעלט סאָלדאטן מיט אייזערנע ריטער, און איר שפּאַצירט זיך דורך, וואָס ארט אייך, א מאָל עטלעכע און צוואנציק הין און צוריק, איך בעט איבער אייער כבוד, א נאַקעטער, ווי די מאמע האָט אייך געהאט און מע טוט אייך דאָס, וואָס דער רבי האָט אייך געטאָן אין חדר דערפאר, וואָס איר האָט נישט געוואָלט לערנען... ווייסט איר שוין דעם טעם פון „טרייבן קאָליסטראָי"? אצינד קאָנט איר האָרכן ווייטער.

ויהי היום — טרעפט זיך א מעשה. עס קומט אָן פונעם גובערנאַטאָר, — וואסילטשיקאָוו איז דעמאָלט געווען גובערנאַטאָר, — מע זאָל גנאָטעווען איינעם א ייִדן מיטן נאָמען קיווקע. ווער איז געווען אָט דער קיווקע, און וואָס האָט ער אזעלכעס פארזינדיקט — קאָן איך אייך אקוראט נישט זאָגן. א סברה, אז בטבע איז ער געווען א ייִד א שענקער, עפּעס גאָרנישט אזא־נ־אָנזיכטיק מענטשל, און נאָך אן אלטער בחור, א פארזעסענער דערצו. באדארף אים גאָט אריינגעבן א זין, און ער צערעדט זיך איינמאָל מיט די גויִים אין שענק, זונטיק איז דאָס געווען, וועגן גאָט־זאכן. „נאש באָג, וואש באָג" — א וואָרט פאר א וואָרט, מע האָט אראָפּגעבראכט דעם סטאראָסטע מיטן פּריסטאוו און מע האָט געמאכט, וואָס ארט אייך, א פּראָטאָקאָל. נעמ־זשע, דו שענקער איינער, שטעל־אוועק אן עמער בראָנפן, וועט ווערן אויס פּראָטאָקאָל! זאָגט ער: „ניין! קיווקע נעמט נישט זיין וואָרט צוריק". ער איז נאָך אן עקשן אויף צו די צרות. וואָס האָט ער געמיינט? ער האָט געמיינט, מע וועט אים מן הסתם אָפּשטראָפן מיט א דריַיערל, און א גוטן טאָג. ווער וועט זיך גיין ריכטן, אַף אזא משפט, אז פאר אזא נאריש וואָרט זאָל מען טרייבן א מענטשן „קאָליסטראָי"? בקיצור המעשה, מע האָט אויפגעכאפּט דעם בחור און מע האָט אים, וואָס ארט אייך, איינגעזעצט אין חד־גדיא אריין, ביז מע וועט אים אָפּציילן מחילה פינף־און־צוואנציק שמיץ מיטן גאנצן פאראד, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

מילא, פארשטייט איר דאָך מסתמא, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן בא אונדז אין קאמינקע, אז מע האָט דערהערט אזא מעשה. און ווען דארף זיך טרעפן אזא־נ־אומגליק? דווקא באנאכט, און דווקא אקעגן שבת. אזוי, אז מען איז אויפגעשטאנען אינדערפרי און געקומען אין שול — א ויצעקו: „מע האָט איינגעזעצט קיווקען!"... „מע האָט אים געמשפּט גנאָט!"... „גנאָט?"... „פאר וואָס? פאר ווען?"... „פאר א נארישקייט, פאר א וואָרט"... „א בילבול?"... „וואסער בלבול? א ייִד האָט א לאנגע צונג!".. „אכצן מאָל א לאנגע צונג, אָבער גנאָט? סטייטש גנאָט!... וואָס הייסט, מע וועט גנאָטעווען א ייִדן? אונדזערן, א קאמינקער?!"...

אָט אזוי האָט דאָס געקאָכט, ווי אין א קעסל, דעם גאנצן שבת, ביז שבת־צו־נאכטס. שבת־צו־נאכטס, נאָך הבדלה, איז מען אריינגעפאלן מיט א גוואלד צו מיין זיידן (רב ניסל שאפּירא האָט מען אים גערופן): „ס'טייטש, רב ניסל,, וואָס שווייגט איר? ווי קאָנט איר דאָס דערלאָזן אזא זאך, מע זאָל שמייסן א ייִדן, אונדזערן, א קאמינקער?!"...

וועט איר דאָך מסתמא פרעגן, וואָס איז מען דאָס געלאָפן גראָד צו מיין זיידן? באדארף איך אייך זאָגן, אז מיין זיידע (זאָל האָבן א ליכטיקן גן־עדן) איז געווען — נישט ווייל איך וויל מיך דאָ פאר אייך באַרימען — דער גרעסטער, דער שענסטער, דער רייכסטער, דער פארנעמסטער בעל־הבית אין שטאָט, און חשוב בא נאטשאלסטווע, און טאקע א גרויסער קאָמפּעטנטש דערצו. אויסגעהערט דעם גוואלד, האָט ער זיך פּאַוואָלינקע דורכגעשפּאצירט עטלעכע מאָל הין און צוריק איבערן שטוב (אזא טבע האָט ער געהאט: אז ער פלעגט עפּעס טראכטן — דערציילט דער טאטע, עליו השלום, — האָט ער ליב געהאט ארומצושפּאצירן עטלעכע מאָל הין און צוריק). נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און א זאָג געטאָן: „קינדער! גייטס אהיים. איר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבן. עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט; אין קאמינקע האָבן מיר נאָך, דאנקען גאָט, ביז אהער נישט געהאט קיין געשמיסענעם, און מיר וועלן, מיט גאָטס הילף, ווייטער אויך נישט האָבן"...

"Listen well, my dear friends, because what I'm about to tell you, I want you to know, is not some opera or fairy tale. It's a true story, mind you, that took place right in Kaminka. My own father, God rest him, told it to me himself, and he heard it more than once from his father. I've heard it said that the whole thing was even written down in an old chronicle that was burned long ago. You can laugh all you like, but I tell you it's a crime it was, because it had some fine stories in it—a sight better than what's printed in your magazines and storybooks these days.

"In a nutshell, it happened in the reign of Nikolai the First, back in the days of the gauntlet. But what are you smiling at? Do you know what the gauntlet meant? The gauntlet meant getting flogged while you ran it. You still don't know what it was? In that case, I'd better spell it out for you. Just imagine, then: two rows of soldiers with iron maces stand facing each other, and you go for a little stroll between them some twenty times or more, and in your birthday suit, mind you, while they do what the rabbi did in the schoolroom when you weren't paying attention to your lessons . . . Do you know what running the gauntlet is now? Then we're ready to begin.

"Once upon a time it so happened that the governor—Vassilchikov it was, I believe—ordered a Jew named Kivke to run the gauntlet. Exactly who this Kivke was, or what he had done, are details I can't tell you. Some say he was no great shakes, just a tavern keeper, and an old sourpuss of a bachelor at that. One Sunday, though, when he was chatting with some Russians in his tavern, God put it into his head to argue religion with them: your God, our God . . . until one thing led to another and the village elder and the constable were brought and charges of blasphemy drawn up. All he had to do, that barman, was give them a barrel of vodka and the whole thing would have been forgotten. But on top of everything else, he was stubborn: no, he says, Kivke takes nothing back! What must he have thought? He must have thought he'd be slapped with a three-ruble fine and business would go on as usual. Who could have guessed that he'd be made to run the gauntlet because of a few foolish words? In short, they took the old boy and threw him into the cooler until an honor guard could give him twenty-five good whacks of the mace, as God in His wisdom had decreed.

"Well, I hardly need to tell you what went on in Kaminka once the story got out. And when did the bad news break? At night—and not only at night, but on a Friday night too. The next morning, when everyone came to the synagogue for Sabbath services, the place was in an uproar. 'Kivke's in the clink!' . . . 'He's been given the gauntlet!' . . . 'The gauntlet? How come? What for?' . . . 'For nothing. For a few words' . . . 'He's been framed!' . . . 'What kind of framed? He's a Jew with a mouth that's too big for him!' . . . 'It can be eighteen sizes too big, but the gauntlet? How can they do that to him?' . . . 'Since when do Jews run the gauntlet? And a local Kaminka Jew yet!' . . .

"All day long the Jews of Kaminka stewed as if in a pot. On Saturday night, as soon as the Sabbath was over, they ran crying to my grandfather—Reb Nissl Shapiro was his name. 'Why don't you say something, Reb Nissl? How can you allow a Jew, and a Kaminkan no less, to be flogged?'

"You must be wondering why they all ran to my grandfather. I don't mean to boast, mind you, but I have to tell you that my grandfather, may his soul dwell in Paradise, was the richest, most important, most cultured, most highly thought-of Jew in town, and a very brainy man with high connections. When he heard what the trouble was, he paced up and down the floor a few times (when he was thinking, my father told me, he always liked to pace back and forth), then stood still and announced: 'Children, go home! No one will be hurt. God willing, it will turn out all right; here in Kaminka, the Lord be praised, we've never had a Jew flogged yet, and with His help we never will.'

באקומען אזא מין בריוול, האט דער זיידע, עליו השלום, געשיקט רופן צו זיך די שטאט: „וואס טוט מען? א ייד שטארבט פון הונגער. מע מוז אים עפעס שיקן"... און אז רב ניסל שאפירא זאגט, קאן מען קיין חזיר נישט זיין... האט מען זיך גאנץ פיין צונויפגעלייגט (מער פון אלעמען האט געגעבן דער זיידע אליין, וואס פארשטייט איר דא נישט?) און מע האט אים, וואס ארט אייך, ארויסגעשיקט אביסל געלט — און

ווידער פארגעסן, אז ס'איז געווען אמאל א ייד, וואס האט געהייסן קיווקע.

קיווקע אבער האט נ י ש ט פארגעסן, פארשטייט איר מיך, אז ס'איז דא א שטאט, וואס הייסט קאמינקע. עס גייט אוועק ווידער א האלב יאר, אדער א יאר, איך וועל אייך נישט זאגן אקוראט, קומט נישט אן, מיינט איר, פון אים ווידער א בריוול? און ווידער אפן זיידנס נאמען, און ווידער „בקשתי להודיע", און ווידער א מאל „בקשתי לשלוח", שוין דאנקען גאט מיט א מזל־טוב. „באשר בכן, — שרייבט ער אין בריוול, — אזוי ווי ער איז נישט לאנג א חתן געווארן, נעמט זייער א ווילע כלה, א טאטנס א קינד און פון א שיינער משפחה, על כן, „בקשתי לשלוח", זאל מען אים, הייסט עס, צושיקן צוויי הונדערט רייניש, וואס ער האט צוגעזאגט אײַנלייגן נדן. אנישט, זאגט ער, איז דער שידוך קיין שידוך נישט"... וואס זאגט איר אף דעם אומגליק? קיווקע וועט חלילה בלײַבן אן א כלה! וואס טויג אייך, מע האט זיך מיטן בריוול ארומגעטראגן איבער קאמינקע, ווי מיט עפעס רעכטס, און דער עולם האט געלאכט, זיך ממש געהאלטן בא די זײַטן. חוכא וטלולא איז געווען אין שטאט: „מזל־טוב אונדז"... „קיווקע איז א חתן געווארן"... „געהערט? צוויי הונדערט רייניש נדן"... „א טאטנס א קינד"... „כא־כא"...

דער כא־כא־כא האט אבער לאנג נישט געדויערט, ווארעם אין א פאר וואכן ארום קומט־אן, וואס ארט אייך, א בריוול, ווידער פון אים, און ווידער צום זיידן, שוין אן א „בקשתי להודיע", נאר מיט א „בקשתי לשלוח" אליין. „עס וואונדערט אים, שרײַבט ער, וואס מע האט אים נאך נישט ארויסגעשיקט די צוויי הונדערט רייניש, וואס ער האט צוגעזאגט אײַנלייגן. טאמער שיקט מען אים נישט ארויס, זאגט ער, באלד צוויי הונדערט רייניש, ווערט ער אויס חתן, און פאר בזיון בלײַבט אים איבער, זאגט ער, נאר איין זאך: אדער דערטרינקען זיך אין טײַך, אדער קומען צו פארן מיטן בײַטשל אהיים, קיין קאמינקע"...

די דאזיקע לעצטע ווערטער זײַנען ארײַן דעם עולם, וואס ארט אייך, אין נאז ארײַן, און מע האט אויפגעהערט צו לאכן, און דעם זעלבן אויפדערנאכט איז געווען באם זיידן אן אסיפה פון די פארנעמסטע בעלי־בתים אין שטאט, און ס'איז געבליבן, אז עטלעכע שיינע יידן, און דער

זיידע בתוכם, זאלן נעמען די פאטשיילעס און מחילה לאזן זיך איבער דער שטאט און צונויפמאכן פון קיווקעס וועגן נדן. א ברירה האט מען געהאט? האט קיין יסורים נישט. מע האט אים נאך געמוזט אנשרײַבן א מזל־טוב אויך און צווינטשעווען דעם חתן, ס'זאל זײַן אין א מזלדיקער שעה, ער זאל זיך מיט איר עלטערן אין עושר און אין כבוד און דערלעבן קינדס־קינדער, ווי געוויינטלעך. וואס האט מען גערעכנט? ער וועט חתונה האבן, וועט דאס אים פארדרייען דעם קאפ, וועט ער במילא פארגעסן, אז ס'איז דא א קאמינקע אף דער וועלט. צום סוף — ווער? וואס? אדרבה. ס'איז נישט אוועקגעגאנגען קיין האלב יאר, אדער א יאר — איך וועל אייך נישט זאגן אקוראט, — קומט נישט אן, מיינט איר, פון אים ווידער א מאל א בריוול? וואס איז ווײַטער? „באשר בכן, אזוי ווי ער האט חתונה געהאט, שרײַבט ער, און האט דווקא געטראפן, גאט האט אים צוגעשיקט, זאגט ער, א ווײַבל אף אלע יידישע קינדער געזאגט געווארן. נאר וואס דען? מיט אלע מעלות, זאגט ער, קאן נישט זײַן. האט זי א טאטן — מעג ער זײַן די כפרה. א ליגנער, א דרייער, א שווינדלער, אן אמתער באנדיט. ער האט אויסגענארט, שרײַבט ער, בא אים די צוויי הונדערט רייניש און האט אים ארויסגעטריבן מיטן ווײַב אף דער גאס. על כן, שרײַבט ער, „בקשתי לשלוח" — זאל מען אים, הייסט עס, ארויסשיקן תיכף ומיד אנדערע צוויי הונדערט רייניש. אנישט, זאגט ער, קומט אים אויס אדער נעמען ארײַנוווארפן זיך א לעבעדיקער אין טײַך־ארײַן, אדער קומען צו פארן צוריק אהיים מיטן בײַטשל"...

דאס האט שוין דער שטאט פארדראסן טאקע נישט אף קאטאוועס. צוויי מאל נדן? — דאס איז דאך שוין עפעס טאקע מעשה פארך! און ס'איז געבליבן, מע זאל אים אף זײַן בריוו נישט ענטפערן גארנישט. איז זיך מיישב קיווקע און ווארט־אפ א וואך צוויי אדער דרײַ און שיקט־ארײַן, וואס ארט אייך, ווידער א בריוו, און אלץ אף מײַן זיידנס נאמען: „אזוי און אזוי, וואס טראכט מען זיך? פאר וואס שיקט מען אים נישט ארויס די צוויי הונדערט רייניש? ער וועט אפווארטן, שרײַבט ער, נישט מער ווי אנדערטהאלבן וואכן, און אז מע שיקט אים נישט ארויס, זאגט ער, דאס געלט, האט אים קאמינקע פאר א גאסט, אם ירצה השם, גאר אין גיכן". און לאזט נאך אויס דעם בריוו מיט א „ונאמר אמן". א

"When my grandfather, may he rest in peace, received this letter, he called a meeting in his home. 'What should we do? We can't let a Jew die from hunger.' Well, when you were asked to fork up by Reb Nissl Shapiro, you couldn't be a pig about it. A fine collection was taken up (the biggest contributor to which, needless to say, was my grandfather himself), the sum was sent to Brody, and once more Kaminka forgot that there was such a person as a Jew named Kivke.

"Kivke, however, didn't forget that there was such a place as a town called Kaminka. Another half a year passed, or maybe it was a whole one, I can't tell you exactly, and guess what? Another letter arrived! Once more it was addressed to my grandfather and once more it had an 'I wish to inform you' with a 'Please be so kind' at the end, this time accompanied by some good news. Insofar and inasmuch, wrote Kivke, as he had recently become betrothed to a fine young lady from the very best of families, would the town kindly send him the two hundred rubles he had pledged as a dowry, because otherwise the match was off. What a tragedy, just imagine: Kivke would be left without a bride! I hardly need to tell you that the letter made the rounds of Kaminka as though it were a pearl of great price, and people laughed at it until their ribs ached. It became a running gag around town. 'Mazel tov, Kivke is engaged!' . . . 'Have you heard? She's a steal at two hundred rubles!' . . . 'And from the very best of families too, ha ha ha . . .'

"The ha-ha-ing, mind you, didn't last very long, though, because a few weeks later came another letter from Kivke to my grandfather—and this time without the 'I wish to inform you,' just with the 'Please be so kind.' He failed to understand, Kivke wrote, why the two hundred rubles for the dowry had not yet arrived. If he didn't receive them at once, the wedding would have to be called off—in which case his disgrace would be so great that only one choice would be left: either to drown himself on the spot or to come hell-bent back to Kaminka . . .

"Those last words of his, mind you, wiped the laugh off everyone's face. That same evening the town's leading Jews got together at my grandfather's house and decided that the most respected of them, my grandfather too, should go from door to door to raise a dowry for Kivke. What else could they do? And so as not to keep you in suspense, let me tell you that they not only sent him the money, they sent it with a mazel tov and wished the lucky bridegroom, as is the custom, many long years of happiness in which to raise children and grandchildren with his wife-to-be. What were they counting on? They were counting on his being so busy with his new marriage that he'd forget all about Kaminka. But do you think he did? A fat chance of that! Half a year didn't go by, or maybe it was a whole one, I can't tell you exactly, and what do you think came along? Another letter from Kivke! What did he want this time? Insofar and inasmuch as he was now married, he had a God-given wife who would be the envy of any Jew. Nothing was perfect, though—in this case the bride's father, who was such a liar, such a chiseler, such a gangster, such an out-and-out crook beside whom the biggest sinner could be mistaken for a saint, that he had defrauded our Kivke of his two hundred rubles and thrown him into the street with his wife. And so, he wrote, 'Please be so kind as to send'—would his fellow townsmen have the goodness to forward another two hundred rubles to make up for what he had lost. If not, he could either throw himself in the river or come hell-bent back to Kaminka . . .

"This time everyone was good and mad. *Two* dowries? Why, that was already a swindle! And so it was decided to let the letter go unanswered. Well, Kivke waited a week or two, mind you, or maybe even three, and then sent another letter, addressed once again to my grandfather. What, he wanted to know, did they take him for? Why hadn't they sent him the two hundred rubles? He would give them, he wrote, another week and a half—and if he still hadn't received the money by then, they could look forward to having him, God willing, as their guest in Kaminka, Yours Etcetera, amen and amen. He sure was some sheygetz!

שייגעץ קאָן!

ווי, פאַרשטייט איר, האָט דאָס געברענט און געבראָטן איטלעכן באַזונדער? נאָר וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? ווידער א מאָל אַן אסיפה בײַם זיידן אין שטוב, און ווידער א מאָל שיינע בעלי־בתּים מיט א פּאַטשיילע איבער דער שטאָט. דער עולם האָט זיך אפילו, וואָס אַרט אײַך, שטאַרק געקנײַטשט, קיין חשק געהאַט צו געבן געלט צוליב אַזאַ כּל־בוניק. נאָר ס'איז עפּעס א תּירוץ — אַז רב ניסל שאַפּיראָ זאָגט געבן, קאָן מען קיין חזיר נישט זײַן. נאָר א תּנאַי האָט יעדער אויסגענומען, אַז דאָס גיט ער צום לעצטן מאָל. דער זיידע אַליין האָט אויך גאָר אַנדערש נישט גערעכנט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל. און אַזוי האָט מען אים טאַקע אָנגעשריבן, קיווקען הייסט דאָס, בפירוש מיטן הארבן וואָרט, אַז דאָס שיקט מען אים ד אָ ס  ל ע צ ט ע  מ אָ ל, און אַז מער זאָל ער פון קיין געלט גאָר נישט דערוועגן מזכּיר זײַן אפילו. אַוודאי האָט ער זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, דער גנב, ווי מיינט איר? איינמאָל אונטער א יום־טוב קומט נישט אָן פונעם תּנאַ (צום זיידן, געוויינטלעך) ווידער א מאָל א בריוול? וואָס איז הײַנט? „באשר בכן, — שרײַבט ער, — אַזוי ווי ער איז זיך צונויפגעקומען אין בראָד מיט איינעם א דײַטש, זייער א לײַטישן מענטשן און אַן ערלעכן, און האָט געשלאָסן, זאָגט ער, מיט אים שותּפות, א פּאַיאַנס־געשעפט, און דאָס געשעפט איז, זאָגט ער, זייער א גוט געשעפט און א ראַיעל געשעפט, מע קאָן, זאָגט ער, דערפון האָבן זייער שיין פּרנסה, — על כּן בקשתי לשלוח, זאָל מען אים, הייסט עס, צושיקן, למען השם, פיר הונדערט מיט פופציק רייניש. און טאַקע באַלד, מע זאָל נישט „מעדליוועןˮ, זאָגט ער, מיטן געלט. וואָרעם דער שותּף, שרײַבט ער, וויל נישט וואַרטן, ער האָט, זאָגט ער, אַנדערע שותּפים, צען פּאַר איינעם, און טאָמער חלילה נעמט ער נישט דאָס געשעפט, בלײַבט ער אָן א געשעפט, און וויבאַלד ער בלײַבט אָן א געשעפט, קומט אים אויס, זאָגט ער, נאָר אַרײַנוואַרפן זיך אין טײַך אַרײַן, אָדער קומען צוריק אַהיים מיטן בײַטשלˮ — דער אַלטער נוסח! און לאָזט ער אויס מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז באַם מע שיקט אים נישט אַרויס ביז אין צוויי וואָכן צײַט די פיר הונדערט מיט פופציק רייניש, וועט זיי קאָסטן טײַערער, וואָרעם זיי וועלן אים דאַרפן אומקערן פאַר הוצאות פון בראָד קיין קאַמינקע און צוריק פון קאַמינקע קיין בראָד —

א כּל־בוניק קאָן!

באַדאַרף מען אײַך נאָך דערציילן, וואָס פאַר א פאַרשטערטן יום־טוב די שטאָט האָט געהאַט? און איבערהויפּט — דער זיידע מײַנער! ער, עליו השלום, האָט נעבעך געחאַט, וואָס אַרט אײַך, דעם גרעסטן חלק! וואָרעם אַז ס'איז געקומען נאָך יום־טוב צו דער אסיפה, האָט דער עולם אָנגעהויבן אונטערמורמלען און טענהן: „גענוג! ביז וואַנעט איז דער שיעור צו צאַפּן געלט? אַלצדינג דאַרף דאָך זײַן מיט א מאָס. קרעפּלעך עסן קאָן אויך נמאס ווערן. אײַער קיווקע וועט אונדז מאַכן פאַר קבצנים!ˮ... אַזוי טענהט די שטאָט. ענטפערט דער זיידע: „וואָס עפּעס מ ײַ ן קיווקע? זאָגן זיי: „וועמענס דען? וועמענס אויפטו איז דאָס געווען, אַז דער ממזר זאָל פּלוצעם באַקומען אַפּאָפּלעקציע אין טורמע?ˮ...

פון די ווערטער האָט מײַן זיידע אַרויסגעזען (געווען א ייִד א חכם), אַז ס'איז דברים בטלים, קיין געלט וועט מער די שטאָט נישט געבן. האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צו נאַטשאַלסטווע — נאַטשאַלסטווע ליגט דאָך אויך אין קוואַס גלײַך מיט אַלע, — טאָמער וועלן זיי געבן כאָטש עפּעס צושטײַער? — ווער? וואָס? א נעכטיקער טאָג! א גוי איז נישט קיין ייִד. א גוי נעמט זיך נישט צום האַרצן. און, וואָס אַרט אײַך, ער האָט נעבעך געמוזט, במחילה כּבודו, דער זיידע הייסט עס, צעגאָרטלען זיך און אָוועקשיקן זײַנע אייגענע עטלעכע גילדן צום דאָזיקן רוצח, ימח שמו. און א בריוו האָט ער אים אָוועקגעשריבן, א רעכטן בריוו (מײַן זיידע, עליו־השלום, אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער געקאָנט!). אינעם דאָזיקן בריוו האָט ער אים, וואָס אַרט אײַך, גוט אויסגעשייגעצט, וויפל ס'איז אין אים אַרײַן. ער האָט אים אָנגערופן כּל־בוניק, און הולטאַי, און עם־האָרץ, און פּושע־ישׂראל, און בלוטצאַפּער, און פּיאַווקע, און רשע מרושע, און מומר להכעיס, און וואָס איר ווילט. און אָנגעזאָגט האָט ער אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז מער זאָל ער זיך גאָר נישט דערוועגן שרײַבן קיין בריוולעך און נישט מזכּיר זײַן אפילו פון קיין געלט. און האָט אים דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, וואָס זעט אַלצדינג און ווייס אַלצדינג און צאָלט בכפל־כּפלים. און אויסגעלאָזט האָט ער דעם בריוו (פאָרט א ייִדיש האַרץ!) מיט תּחנונים, מיט א געבעט הייסט עס, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זײַנע אַלטע יאָרן און זאָל נישט אומגליקלעך מאַכן א שטאָט מיט ייִדן, ובזכות זה וועט אים דער אייבערשטער העלפן, ער וועט דאָרט מצליח זײַן ווו ער וועט זיך קערן און ווענדן. אָט אַזאַ מין בריוו האָט אים דער זיידע, עליו השלום, אָוועקגעשריבן און אונטערגעחתמעט האָט ער זיך מיטן גאַנצן נאָמען בפירוש: „ניסל שאַפּיראָˮ — און דאָס איז געווען פון אים, ער זאָל מיר מוחל זײַן, די גרעסטע נאַרישקייט, ווי איר וועט באַלד האָרכן, וואָס אַרט אײַך, פון דער געשיכטע ווײַטער.

"Don't think that didn't kick up a storm! What could anyone do, though? Once more there was a meeting at my grandfather's house, and once more it was decided to send the most respected Jews from door to door. This time, mind you, people made a face, because who wanted to dish out still more money to such a scoundrel—but the fact of the matter was that when Reb Nissl Shapiro said 'Give,' being a pig was out of the question. Nevertheless, everyone swore that this was the last time. And my grandfather himself, mind you, didn't think otherwise, because he wrote Kivke back in no uncertain terms that he wasn't getting another cent and shouldn't dream of it.

"No doubt you think that put the fear of God into the rascal, eh? Well, suppose I told you that one morning, and a Jewish holiday it was too, another letter arrived from the fine gentleman, addressed, naturally, to my grandfather! Insofar and inasmuch, he wrote, as he had struck up a friendship in Brody with a German, a most excellent and honorable fellow, and decided to go partners with him in the china business, which was a very good, very solid line that could support a person nicely, 'Please be so kind as to send' four hundred and fifty rubles—and for heaven's sake, be quick and don't dawdle, because the partner refused to wait, he had ten other candidates lined up, and if he, Kivke, was left without a business, he could either go for a long swim in the river or come hell-bent back to Kaminka . . . In short, the usual. And he signed off with the gentle hint that if he did not have the money in two weeks' time, there would be the Devil to pay—or more precisely, his round-trip ticket from Brody to Kaminka and back. He sure was some shyster!

"I don't have to tell you what kind of upside-down holiday it was—and most of all, mind you, for my grandfather, may he rest in peace, because he bore the brunt of it. At the meeting that was held that night, the whole town was griping and grumbling. 'Enough! How long do we have to go on shelling out? There's a limit to everything; even chicken soup with kreplach can get to be too much. This Kivke of yours will make paupers of us all!' 'Why is he my Kivke?' asked my grandfather. 'Whose Kivke do you think he is?' was the answer. 'Whose idea was it in the first place to have the little bastard go die of a stroke while in prison?'

"Well, my grandfather (he was one smart Jew, he was) saw right away that it was a waste of time to hope for more money from the town, so he went to the local authorities—after all, they were in the same boat as he was—and asked them for a donation to the cause. Do you think they gave him a kopeck? Not a chance! Your goy is not your Jew; such things don't faze him in the least. And so my poor grandfather, mind you, had to swallow his medicine and stake that damned cutthroat to some more cash from his own pocket. You should have seen the letter he sent with it, though! (My grandfather, God rest his soul, could give as good as he got.) Mind you, he gave that sheygetz hell in it. He called him a scoundrel, a degenerate, a know-nothing, a leech, a bloodsucker, a fiend, a traitor, a disgrace to the Jewish people, and whatever-else-have-you. He also told him once and for all not to dare write any more letters or ask for another cent, reminded him that God above sees everything and pays back tit for tat, and ended by begging him (a Jewish heart is still a Jewish heart, after all!) to have pity on an old man like himself and not ruin a town full of Jews, in return for which the Almighty would surely assist him in all his endeavors. That was the letter my grandfather sent, and he signed it with his full name, 'Nissl Shapiro'—which was, mind you, the biggest mistake he ever made in his life, as you'll shortly see for yourselves."

The Jew from Kaminka paused again; reached for his tobacco pouch, slowly rolled himself another cigarette, lit it, and took a few deep puffs without even noticing that the whole car was dying of curiosity. When he had breathed in and coughed out enough smoke, he blew his nose, rolled up his sleeves again, and continued in the same tone as before:

"You must be thinking, my friends, that my grandfather's letter gave that son-of-a-bitch a good scare. Don't kid yourselves! Half a

דאָ האָט דער קאַמינקער ייִד ווידער אַ מאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען דעם פּאָרטאַבאַק, פּאַוואָלינקע פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, פֿאַררייכערט און שטאַרק פֿאַרצויגן זיך, איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל, גאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס דער עולם איז נײַגעריק, גייט־אויס מיט אַלע כּחות, מע וויל שוין וויסן דעם שפּיץ. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָביסל אָנגערייכערט און אויסגעהוסט, האָט ער גוט אויסגעשנײַצט די נאָז, פֿאַרקאַטשעט איבעראַנײַס די אַרבל און אָנגעהויבן מיטן זעלבן טאָן, וואָס פֿריִער:

— איר קערט אַוודאי מיינען, מײַנע ליבע ייִדן, אַז דער כּלב שבכּלבים האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן פֿאַר מײַן זיידנס בריוו? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. עס גייט נישט אַוועק קיין האַלב יאָר, אָדער אַ יאָר — קומט אָן, וואָס אַרט אײַך, פֿון דעם משומד אַזאַ מין מכתב: „ראשית בקשתי להודיע, אַז מײַן שותּף דער דײַטש, קומען זאָל אויף אים אַ בייזער חלום, האָט מיך באַשווינדלט, באַנומען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון געשעפֿט. האָב איך אַפֿילו געוואָלט אײַנגעבן אויף אים, פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס, האָב איך אָבער געזען, אַז ס'איז אַ נעבעכטיקער טאָג. אָנהייבן זיך לאָדן מיט אַ דײַטש — דאַרף מען זיך געזעגנען מיטן לעבן. זיי זײַנען אַזעלכע ממזרים, אַז מע טאָר נישט שטיין אין זייערע דלית אמות! בין איך געגאַנגען און האָב בעסער אָפּגעדונגען אַ געוועלב, טאַקע נעבן זײַן געוועלב, אַ טיר נעבן אַ טיר, און איך עפֿן אַ נײַ געשעפֿט, אויך פֿון פּאַיאַנס, און מיט גאָטס הילף, איך וועל דעם דײַטש באַגראָבן, ער וועט באַ מיר עסן די ערד! נישטמער — איין זאַך, וואָס מע דאַרף האָבן דערצו פֿאָדעם, צום ווייניקסטן — טויזנט רייניש. על כּן בקשתי לשלוח"... אַזוי שרײַבט ער, קיווקע הייסט עס, און לאָזט אויס דעם בריוו מיט די ווערטער: „און באַם איר שיקט מיר נישט אַרויס אין אַכט טאָג אַרום די טויזנט רייניש, שיק איך אָפּ, זאָגט ער, אײַער לעצטן בריוו, וואָס איז געחתמעט מיט אײַער אייגענער האַנט: „ניסל שאַפּיראָ", גלײַך אין דער גובערניע אַרײַן, און דערצייל זיי אויס די גאַנצע מעשׂה פֿון אל"ף ביז תּי"ו: ווי אַזוי איך האָב באַקומען אין טורמע די אַפּאָפּלעקציע, ווי אַזוי איך בין נאָכדעם אויפֿן הייליקן אָרט אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, ווי אַזוי שמעון דער בעל־עגלה האָט מיך געבראַכט בשלום קיין בראָד, און ווי אַזוי איר האָט מיר אַרויסגעשיקט עטלעכע מאָל לאַ־יחרץ־געלט. אַלצדינג וועל איך זיי, זאָגט ער, אויסדערציילן, לאָזן זיי וויסן, אַז מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און קיווקע איז נישט געשטאָרבן"...

געפֿעלט אײַך, אַשטייגער, אַזאַ מיר ברוך־הבא?! ווי נאָר דער זיידע, עליו השלום, האָט איבערגעלייענט דעם דאָזיקן זיסן בריוו, אַזוי איז אים באַלד געוואָרן שלעכט, וואָס אַרט אײַך, אויף צו חלשן. עס האָט אים אָפּגענומען, נישט פֿאַר מיר געדאַכט... ייִדן, מיר שטייען? וווּ זײַנען מיר?

— סטאַנציע באַראַנאָוויטש... סטאַנציע באַראַנאָוויטש...

אַזוי רופֿן־אויס די קאָנדוקטאָרן, לויפֿנדיק איינס נאָך דאָס אַנדערע פֿאַרבײַ די פֿענצטער פֿון אונדזער וואַגאָן.

דערהערט דעם נאָמען „באַראַנאָוויטש", שפּרינגט־אויף אונדזער קאַמינקער ייִד פֿון אָרט, טוט זיך אַ כאַפּ צו זײַן פּעקל, עפּעס אַ מין זאַק, אָנגעשטופּט גאָט ווייס מיט וואָס, שלעפּט אים מיט אַלע כּחות און לאָזט זיך צו דער טיר. איין מינוט — און ער איז שוין מיט בײדע פֿיס אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, שוויצט און שטופּט זיך מיטן זאַק צווישן עולם, טוט אַ קוק אַרײַן יעדן איינציקן אין פּנים אַרײַן:

— באַראַנאָוויטש?

— באַראַנאָוויטש.

עס כאַפּט דעם אָנבליק, ווי באַ קידוש־לבֿנה:

— שלום עליכם?

— עליכם שלום!

אַ סך פֿון אונדזער וואַגאָן (און איך אויך בתוכם) לויפֿן אים נאָך פֿון הינטן און כאַפּן אים באַ די פּאָלעס:

— פֿעטער! ס'איז בלאָטע! מיר וועלן אײַך נישט אָפּלאָזן. איר מוזט אונדז זאָגן — וואָס איז געווען דער סוף פֿון דער געשיכטע?

— וואָסער סוף? ס'איז ערשט אָן אָנהייב! לאָזט מיך אָפּ! וואָס ווילט איר? איך זאָל פֿאַרשפּעטיקן איבער אײַך דעם פּאָיעזד? מאָדנע ייִדן! איר הערט דאָך: באַראַנאָוויטש! סטאַנציע באַראַנאָוויטש!

און אײדער מיר קוקן זיך אַרום, איז שוין נישטאָ קיין זכר אַפֿילו פֿון דעם קאַמינקער ייִדן.

פֿאַרברענט זאָל ווערן די סטאַנציע באַראַנאָוויטש!

ענדע געשיכטע נומער דרײַ.

געשריבן אין יאָר 1909

year didn't go by, or maybe it was a whole one, mind you, when along came another letter from that turncoat. 'In the first place,' it said, 'I wish to inform you that my German partner, may his life be one bad dream, has cheated me out of house and home and out of my share of the business. I would have sued him if it hadn't been clear that I didn't stand a Chinaman's chance. Taking a German to court around here means taking your life in your hands. Why, I wouldn't touch one of those bastards with a ten-foot pole! So I went and opened a store near his, right next door to him, in fact, and went into business for myself. With God's help I'll bury that Kraut yet, I'll see to it he ends up eating dirt! The problem is that I need an advance of at least a thousand rubles, so please be so kind as to send . . .'

"That's what Kivke wrote in his letter, which concluded: 'If you don't come up with the money in eight days, I'm taking your last letter signed "Nissl Shapiro" and forwarding it straight to the provincial governor with an unabridged account of all that happened: how I died of a stroke in prison, and how I was resurrected in the cemetery, and how Shimon the coachman brought me to Brody, and how you've kept sending me hush money. I'll write him everything, I'll let him know that we Jews have a great God above who rescued Kivke from the grave . . .'

"How's that for a greeting card? Mind you, as soon as my grandfather, God rest his soul, read those sweet sentiments, he had such a fright that he fainted dead away. It shouldn't happen to anyone, but he lost all control of . . . Jews, where are we? What station is this?"

"Baranovich station!" cried the conductors, running one after another past the windows of our car. "All out for Baranovich!"

Hearing the name Baranovich, the Kaminka Jew jumped from his seat, reached for his belongings, which were in a kind of sack stuffed with God only knew what, and, barely able to carry it, headed for the door. In another minute he was standing on the platform with the sweat pouring off him, struggling through the crowd and asking whomever he stumbled into:

"Baranovich?"

"Baranovich!"

He made me think of a Jew blessing the New Moon in the synagogue courtyard, bumping into his fellow Jews in the darkness and inquiring of each:

"Is that you?"

"Yes, it's me!"

Several passengers from our car, myself included, ran after him and seized him by the coattails. "Hey, there! You can't do this to us! We won't let you go. You have to tell us the end of the story!"

"What end? It's barely begun. Let go of me! Do you want me to miss my train? A strange bunch of Jews you are! Didn't you hear them say Baranovich?"

And before we knew it, the Jew from Kaminka had vanished into thin air.

I wouldn't mind if Baranovich station burned to the ground!

*(1909)*